מאיר בראודא

# קוליסן און הינטערקוליסן

## זכרונות, באַגעגענישן, געשטאַלטן
## אין יידישן טעאַטער אין סאָוויעט־רוסלאַנד

הקדמה : **דב סדן**

**פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב**
תשל"ד — 1974

דב סדן

# א שטיק קולטור־יבשה

## א

עס איז אַ קיימא־לן, אַז אַן אַקטיאָר, בפרט אַ יידישער אַקטיאָר, האָט וואָס צו דערציילן וועגן זיין לעבן, וואָס איז אַ מין טאָפל־לעבן, — באַשטייט עס דאָך פון אַ פּאַראַלעל פון צוויי מאַרשרוטן, דער איינער מאַרשרוט, דער ביאָגראַפישער, אַ שטענדיקער נע־ונד, צומאָל פון עק וועלט ביז עק וועלט ; דער אַנדערער מאַרשרוט, דער באַרופלעכער, סיי מלשון באַרוף סיי מלשון באַרופונג, אַ נישט מינדערער נע־ונד צווישן דראַמאַטישע קרעאַציעס ; און ביידע נע ונדן וויקלען זיך אָפּ אין אַ שלל פון זיך בייטנדיקע אַרומען.

דער ביאָגראַפישער נע ונד צווישן שטעט און לענדער, דער קינסטלערישער נע־ונד צווישן טרופּן און רעפּערטואַרן, און די געשפּאַנטקייט צווישן די דאָזיקע ביידע עלעמענטן, צייכנט אויס דעם סאָרט זכרונות, וואָס פאַרנעמען אַ היפּשן פּלאַץ אין אונדזער מעמואַריסטישער ליטעראַטור. אפילו אַן אויבנאויפיקער ביבליאָגראַפישער דורכקוק פון דעם סאָרט באַווייזט, אַז אַק־טיאָרן האָבן אַ באַזונדערן אינטערעס צו דערציילן די טאָפּל־שטעגיקע ביאָגראַפיע זייערע, און זיי גייען נאָך זייער אינטערעס, אַ ראיה, אַז עס טאָן עס נישט בלויז די וואָס קענען פירן אַ פען, און נישט ווייניק אַקטיאָרן זענען נישט־דערגאַנגענע ליטע־ראַטן, נאָר אויך די וואָס קענען עס נישט, און זיי דערציילן און אַנדערע שרייבן. מעגלעך, אַז דער אינטערעס שפּייזט זיך פון באַזונדערן גורל פון דער מימישער קונסט, וואָס לעבט בלויז

אין דער מינוט פון שפּיל, און דער שפּילער וויל די דאָזיקע מינוטן, אין זייער אַטמאָספער און דעם גאַנצן אַרום דערהאַלטן.
אַזוי אַרום איז עס, בעצם, אַ פּרווו גובר צו זיין די טראַגעדיע, וואָס פרידריך שילער דערמאָנט זי אין פּראָלאָג צו „וואַלענשטיין", אַזוי צו זאָגן: „דעם שפּילער פלעכט די נאָכוועלט נישט קיין קרענץ, פאַרגענגלעך איז די קונסט פון שפּילער".
און עס איז אַ טרויעריקער זאַך, וואָס די טעכנאָלאָגיע אין איר אויפשטייג (פאָנאָגראַף, קינאָ, ראַדיאָ, טעלעוויזיע) האָבן אים נישט בטל געמאַכט, דען לעת־עתה איז נישט פאַראַן אַ כלי, וואָס זאָל קאָנען פאַרטרעטן דעם קאָנטאַקט צווישן לעבעדיקן שפּילער און לעבעדיקן צושויער. און דערמאָנענדיק דעם צושויער, דאַרף מען באַמערקן, אַז אויך דאָס פּובליקום האָט אַ באַזונדערן אינטערעס אין דער דאָזיקער מעמואַריסטיק, און מיר האָבן אַ כאַראַקטעריסטישע ראיה דערצו — די יידישע פּרעסע, בעיקר אין אַמעריקע, האָט דעם אינטערעס אויפגעכאַפּט און איז אים אָפט נאָכגעקומען, אַ סימן — די זכרונות פון פּראָמינענטע שפּילערס, וואָס האָבן זיך דאָרט געדרוקט אין פיל המשכים, ממש ווי עס דרוקן זיך ראָמאַנען, און מאַסן לייענערס, בעיקר די וואָס האָבן די שפּילערס געקאָנט פון און אין זייערע ראָלן, האָבן די מעמואַרן ממש געשלונגען.
אַזוי, בערך, האָב איך רעזאָנירט, בשעת איך האָב, אין כתב־יד, געלייענט דאָס ביסל זכרונות פון מאיר בראודא, „קוליסן און הינטערקוליסן", און געפונען, אַז זיי דאַרפן דערגרייכן דעם לייענער־עולם, און דאָס מחמת אַ דרייפאַכיקן חשיבות.

## ב

**ערשטנס** — דער מחבר, וואָס האָט איבערגעשפּרייזט די שוועל פון גבורות, און האָט נישט אָנגעוווירן פון זיין וויגאָר און טעמפּעראַמענט, פאַרמאָגט אַ קאָליריקע, צומאָל קאַלעידאָסקאָפּישע ביאָגראַפיע. שוין דאָס בשותפותדיקע צווישן אים און דעם כלל געניטע און ריריקע שפּילערס, סיי דער ביאָגראַפישער סיי דער קינסלערישער נע־ונד, איז אַנדערש — דער קינדווייז נאָך אומבאַוווסטער און יינגלווייז שוין באַוווסטער אַנטשייד

פאַר די טעאַטער־ברעטער, טרייבט אים אַרויס פון געבוירן־שטעטל, צום ערשט קיין פּאַלטאַווע און שפּעטער קיין אַדעס, און דאָ הויבט ער אָן מיט וואָס ער האָט לעת־עתה געענדיקט, רעציטאַציע, און בעיקר מיט דעם וואָס האָט אויסגעפּילט זיין לעבן, טעאַטער־שפּיל. אָבער זיין ווייטערדיקער מאַרשרוט איז אַן אַנדערער — דער יונגער חבר פון דער גרופּע „אם אין אני לי מי לי״ (אין דעם דאָזיקן זאָג פון הלל הבבלי האָט מענדעלע איבערגעזעצט דעם באַגריף און טערמין פון פּינסקערס אויטאָ־עמאַנציפּאַציע, און עס איז געוואָרן אַ דעוויז פון די פּועלי־ציון און אַ מאָטאָ פון זייער פּרעסע), וואָס האָט זיך אַרומ־געדרייט אין די ציוניסטישע קרייזן אין אָדעס, און וואָס האָט נישט געוואָלט דינען פּאַניען, לאָזט זיך נישט, ווי אַדעפּטן פון שוישפּילעריי האָבן עס דעמאָלס געטאָן, קיין אַמעריקע, נאָר קיין ארץ־ישראל, און דאָ הויבט ער, בעצם, אָן זיינע ערשטע אויפ־טריטן, בעיקר אין יידיש, און אפשר זענען די צוויי יאָר זיינע דאָ, זיין טרוימא, פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט, אפילו ווען ער האָט געוואָלט אָדער געמוזט, אַרויסבאַפרייען, און אויב אַזוי, זענען זיי מסתמא די געהיימע באַגלייט־מוזיק פון זיין לעבן. דער צוזאַמענפּראַל פון שטורמישן גורל און פון ברויזנדיקן כאַראַקטער, ברענגט דערצו אַז דאָס בשותפותדיקע צווישן אים און די איבעריקע תל־אביבער פּליטים, וואָס זענען, מיטן אויסברוך פון דער ערשטער מלחמה, אַוועק קיין מצרים, באַקומט אַן אַנדערע נאָטע — ער ווערט, ווי אַ רוסישער רעצי־טאַטאָר און אקטיאָר, אַ בן־בית אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע אין קאַהיר, און שפּעטער ווי אַ בולגאַרישער אַקטיאָר און רע־זשיסער אין בולגאַריע. און ווער ווייס, וויפל אַזעלכע נע־ונדן ער וואָלט נאָך געהאַט, ווען ער זאָל נישט געווען, אַ יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, זיך אומקערן קיין רוסלאַנד, און אָנהויבן זיין לאַנגיאָריקע יידישע אַקטיאָרישע, רעזשיסאָרישע און אַדמיניסטראַטיווע, טעאַטר־קאַריערע, וואָס האָט אָבער נישט פאַרקלענערט זיין אינטערנעם נע־ונד אין דער אייראָ־פּעישער און אַזיאַטישער, רוסישער אימפּעריע, וואָס האָט זיך שפּעטער אַ קאָפּ אויסגעשפּרייט איבער די נייע סאָוועטיזירטע

לענדער — ליטע און מזרח־גאַליציע (דאָ טעטיק אין אַן אוק־ראיניש טעאַטער) און אפילו אַ קליינעם בולגאַרישן רעצידיוו, (צווישן בולגאַרן אין בעסאַראַביע), און פאַרענדיקט מיט אַ שפּעטן באַזוך אין מדינת־ישראל, וואָס האָט געפירט צו זיין אומקער אַהין, ווו ער האָט, בעצם אָנגעהויבן.

ג

**צווייטנס** — דער מחבר רעפּרעזענטירט אַ באַזונדערע מדרגה אין אַנטוויקל פון יידישן טעאַטער־שפּיל, און דאָס איז אויך קאָנטיק אין זיינע זכרונות. דען, בדרך כלל, לאָזן זיך די זכרונות פון אַקטיאָרן, בערך, אַזוי איינטיילן: זכרונות פון הויכווערטיקע שפּילערס אין אַ מינדערווערטיקן רעפּערטואַר, זכרונות פון מינדערווערטיקע שפּילער אין אַ הויכווערטיקן רע־פּערטואַר, זכרונות פון אַ ווערטיקן שפּילער אין אַ ווערטיקן רעפּערטואַר.

דער ערשטער טיפּ — זענען שפּילערס, וואָס זייער טאַלאַנט איז איבערגעוואַקסן די פּרימיטיווע **מדרגה פון יידישן טעאַטער** און דראַמע: די מעלאָדראַמע, וואָס איז מיט דער צייט מגולגל געוואָרן אין צוויי מסוכנע גלגולים — קיטש און שונד — און די דיסקרעפּאַנציע צווישן דער הויך פון שפּיל און דער נידער פון זיין סובסטראַט, און וואָס וואָלט באַדאַרפט, צו טרייבן, און האָט אויך געטריבן, צו אַ העכערן ניוואָ פון דער דראַמע, האָט אָבער אויך געפירט צום היפך — די הויך פון שפּיל האָט פאַרשטעלט אָדער פאַרמאַסקירט **דעם נידער פון סובסטראַט.**

דער צווייטער טיפּ — זענען שפּילערס וואָס האָבן, בשותפות מיט דער שאַפערישער דראַמאַטישער ליטעראַטור אין דער פאַר־ענטפערלעכער קריטיק, אויסגעגליכן דעם ווידעראַנאַנד צווישן הויכן שפּיל און נידעריקן סובסטראַט, געבויט דעם רעפּערטואַר אויף דער קינסטלערישער דראַמע, דער אָריגינאַלער און אי־בערזעצטער, און אַזוי אַרום געשאַפן די קולמינאַציע־פּונקטן פון יידישן קינסטלערישן טעאַטער.

דער דריטער טיפּ — זענען שפּילערס, **וואָס** האָבן געשטרעבט און האָבן דערגרייכט אַ נאָרמאַלן אויסגלייך, און אפילו אַ

האַרמאָניע, צווישן שפּיל און סובסטראַט, און זיי בעיקר, האָבן דאָס. אין צוזאַמענשפּיל פון פאַרמעסט אין דערגרייך, דערצויגן דעם עולם צו אַ קינסטלעריש באַדערפעניש און קינסטלערישן טעם, זיי האָבן עס געשאַפן די נאָרמע, פון וועלכער מען דאַרף אַרויף אָבער מען טאָר נישט אַראָפּ.

פאַר אונדזער מחבר, וואָס איז ממש אַן עקזעמפּלאַרישע ראיה פאַרן באַשטאַנד און דער באַשטאַנדיקייט פון אָט דעם טיפּ, איז דער ענין פון אויסגלייך צווישן דער ווערטיקייט פון שפּיל און ווערטיקייט פון סובטראַט, ווי אַן עיקר־פּראָבלעם, און דער אָפּשאַץ פון טאַלאַנט. און זיין קינסטלעריש־באַפרי־דיקנדיקע נאָרמע און דער אָפּשאַץ פון רעפּערטואַר און זיין קינסטלעריש באַפרידיקנדיקע נאָרמע, זענען דאָ אַ שטענדיקע פאָדערונג, לגבי זיך אַליין און לגבי זיין מיליע, און ער האָט זי אויך, ענערגיש און ערלעך, להלכה ולמעשה, מקיים געווען. און דאָס האָט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן — דאָ האָט זיך געהאַנדלט אין דער שווערסטער אויפגאַב: טעאַטער נישט ווי אַ לאַקעטקע פאַר אַ פער, ווי מיר האָבן עס צו טאָן ביים ערשטן טיפּ, אָדער פאַר אַן עליטע, ווי מיר האָבן עס צו טאָן ביים צווייטן טיפּ, דאָ האַנדלט זיך אין טעאַטער, ווי דאָס טעג־לעכע ברויט פון דעם גרויסן עולם, וואָס פאַר אַ מוטשעניניע דאָס איז — קען מען נאָכלייענען אין כמה וכמה קאַפּיטלען פון אונדזער בוך.

ד

**דריטנס,** דער ענין פאַרשאַרפט זיך נאָך מחמת די באַזונ־דערע אומשטאַנדן פון רעזשים, די קאָמוניסטישע פאַרטיי־דיק־טאַטור אין אירע זיך בייטנדיקע גענעראַל־ליניעס, וואָס אַ טע־אַטער האָט זיי נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט אויסווייכן, און אונדזער מחבר האָט זיך, צום ערשט מיט מער און שפּעטער מיט ווייניקער התלהבות, אין די ליניעס באַוויגן, אַ סימן ער אַקטיוויזירט נישט איינמאָל, ווי אַ לעגיטים קאַמף־מיטל, אַ באַשולדיקונג אין לאָיאַליטעט־חשד לגבי דעם הערשנדיקן סיס־טעם און זיינע פּרינציפּן.

ווער עס וועט נאָכגיין די סטאַציעס פון דער דאָזיקער אַקטיוויזאַציע, וועט לייכט באַמערקן, אַז פאַראַן א שטאַרקער חילוק צווישן פריער און שפּעטער — דען פריער, ווען די אמונה אין דער רעוואָלוציע און איר גאַנג ברענט נאָך היפּש, גייט דער ענין לאָיאַליטעט־פאָדערונג אויף דער ליניע פון כלל־סאָוועטישער קולטור־פּאָליטיק און איר סטראַטעגיע, אָבער שפּעטער, ווען די דאָזיקע אמונה האָט זיך אַלץ מער אויסגעלאָשן, גייט דער ענין לאָיאַליטעט־פאָדערונג אויף דער ליניע פון ספּעציאַל־יידישער נאַציאָנאַל־פּאָליטיק אין איר טאַקטיק.

אמת, דער גראַנגל וועגן עצם קיום, סטאַטוס און ניוואָ פון אַ יידיש טעאַטער ווי אַ בולטער קולטור־אינסטרומענט פון אַן עקסטעריטאָריאַלן מיעוט אין אַ מדינה, וואָס איז געבויט אויף טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלע רעפּובליקעס, איז פון אָנהויב אָן געווען אַ שווערער, סיי אין דער צייט פון דער יעווסעקציע און סיי נאָך איר ליקווידאַציע, לאַ־כל־שכן נאָך שפּעטער, ווען די בהדרגהדיקע ליקווידאַציע פון דעם וואָס מען האָט גערופן סאָוועטיש־יידישע קולטור, האָט אונטערגעבראַכט די יידישע שולן, קאַטעדרעס, צייטונגען, און האָט, נאָכן ברוטאַלן אַקט פון אויסהרגענען דאָס שיינדל פון דער יידישער ליטעראַטור און קונסט, איבערגעלאָזט אַ זכר־לחורבן, אָדער זכר־לטיט, אין אַ פאָרעם פון אַ סערווילן זשורנאַל, און אין דעם גראַנגל זעען מיר אונדזער מחבר, אין ליכט פון זיינע זכרונות, ווי אַ שטענדיק אַקטיוון קעמפער. אַוודאי, פאַראַן אַ גוואַלדיקער חילוק צווישן פריער און שפּעטער, — דער חילוק איז נישט אין דער עצם דיאַלעקטיק פון דעם אַנטוויקל־גאַנג, דען, דער פריערער אומברענג פון דער העברעיש־קולטור, האָט שוין ממילא איינגעשלאָסן אין זיך דעם שפּעטערן אומברענג פון דער יידיש־קולטור, פּונקט ווי דער גרונטיקער אויסראָט פון וואָרצלען ברענגט צום סוקצעסיוון אויסראָט פון איבעריקן געוויקס, דער חילוק איז אין דעם פאַרשטאַנדעניש לגבי דער שוידערלעכער דיאַלעקטיק.

עס איז נישט מער סטראַטעגיע, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין די פריערע צייטן. ווען מען פאַררופט זיך אויף דער לענינישער קאָנסטיטוציע, וואָס אַסרט נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, כדי

צו פאַרהיטן פאַר־רעוואָלוציאָנערע רעצעדיוון. עס איז בלויז טאַקטיק, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין שפּעטערע צייטן, ווען מען פאַררופט זיך אויף דער לענינישער קאָנסטיטוציע, וואָס אַסרט נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, כדי צו מיטיגירן אַ נאָך־רעוואָלוציאָנערע אומקאָנסטיטוציאָנאַלע נאָרמע. עס איז, בעצם, אַ מין צוריקגאַנג צום יידישן שתדלנות, ווי מיר האָבן זי געהאַט דורות־לאַנג, פון כאַטש אַ קלענערן טיף, ווי מיר קענען אים פון אַ ר' יאָסל איש ראָסהיים ביז אַ ר' משה מאָנטעפיאָרע. ווי אַזוי דאָס דאָזיקע שתדלנות זעט אויס — דערציילן איצט אויך די בלעטער פון די זכרונות וואָס ליגן איצט פאַר אונדז. עס איז ממש צו שטוינען, ווי דער מחבר איז נישט מיד געוואָרן, און געהאַלטן אין איין פאָרן און קלאַפּן אין כלערליי טירן און אנטישאַמברירן אין כלערליי אַמטן, און ניט צורו געלאָזט, ביז מען האָט אים אויסגעהערט, און ווי ביטער עס איז אים אָנגעקומען עפּעס צו פועלן, און דאָס וויסנדיק קלאָר, אַז די פעולה וועט נישט בטל מאַכן דעם כלל־גזר, נאָר העכסטנס אָפּרופן אַ פּרט־גזירה.

ווי ווייט אויך דאָס האָט אַ חשיבות, לערנען מיר אָפּ דערפון, אַז מען האָט פּאַרט פּרט־גזירות אָפּגערופן, און דאָס יידישע וואָרט איז נישט פאַרשטומט געוואָרן, און צומאָל האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַ קלייניקייט איז געוואָרן אַ גרויסי־קייט. דען אָט האַלטן מיר שוין נאָך דער ליקווידאַציע פון יידי־שן טעאטער, ווען דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט איז געצוווּנ־גען זיך בעל־כרחו צו באַגנוגענען מיט אַ מינימום — געזאַנג פון פאָלקליד און רעציטאַציע פון ליטעראַטור־טעקסט. אויך דאָס צו פועלן איז אָנגעקומען מיט גרינער גאַל; אָבער די ממונים, וואָס האָבן עס צוגעוואָרפן ווי אַ ביין, האָבן ווייט נישט געוווּסט, אַז די דאָזיקע קאָנצערטן, וווּ נחמה ליפשיץ האָט געזונגען און מאיר בראודאָ האָט רעציטירט, וועלן זיין איינער פון די אויפ־טאַקטן פון יידיש־נאַציאָנאַלן ווידער־אויפוועק פון מאַסן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אַ ווידער־אויפוועק, וואָס האָט דעם געקרעמפּעווטן קאָנאַר צוריקגעפירט צו זיין בוים און זיינע וואָרצלען, אַזוי אַז דער גאַנג פון יחידים, ווי עס איז געווען

דאָס קאָנצערט־פּאַרל, איז אַ רמז אויפן גאַנג פון אַ רבים, ווי עס באַווייזט די עליה־כוואַליע אין אונדזער לאַנד אַריין.

ה

דער מחבר דערציילט אונדז וועגן אַ סך ענינים, וואָס זענען קאַפּיטלען, אָדער, לפּחות, דעטאַלן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין סאָוועט־רוסלאַנד, און ממילא דערציילט ער אונדז וועגן אַ סך פּאַרשוינען, זייער כאַראַקטער, ווערט און ראָל אין די טרופּעס, ווו ער גופא האָט אָנטייל גענומען, און מיר לייענען עס מיט אינטערעס, שוין מחמת דעם, וואָס, בדרך כלל, האָבן מיר וועגן דעם אַלעמען נישט פאַרמאָגט קיין איבעריק גרויסע אינפאָרמאַציע. ווייל, אויב עס האָבן אונדז נאָך דערגרייכט ידי־עות וועגן די שפּיצן פון טעאַטער, און מיר האָבן צומאָל אפילו געהאַט אַ שעת־כושר זיי צו זען, ביי זייערע גאַסטראָלן, מחוץ לרוסלאַנד, זענען די ידיעות וועגן גוטן נאָרמאַלן טעאַטער געווען זעלטענע, אַזוי אַז מיר האָבן, בערך, געוווּסט, ווי זעט אויס דער יידישער טעאַטראַלער ערב־שבת (דראַמאַטישע שולן, סטור־דיעס) און ווי עס זעט אויס דער וואָכנגאַנג (טרופּעס). אַוודאי געדענקען מיר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ בוך פון אַ מעמור־אַריסט, מיט זיינע נאַטירלעכע אינטימיטעטן און סוביעקטי־וויטעטן, און נישט אַ פאָרשונג פון אַ היסטאָרישן שטייגער, אַזוי אַז דער מחבר, ווי ווייט ער זאָל נישט געווען משתדל זיין, אָביעקטיוו צו זיין, לאָזט נאָך, אין אָפּשאַץ פון געשעענישן און בעיקר פון פּאַרשוינען, איבער אַ פּלאַץ פאַרן באַקענטן לאַטיי־נישן כלל: זאָל אויך דער אַנדערער צד אויסגעהערט ווערן. אָבער אויך דער היסטאָריקער וועט אים דאַנקען פאַר זיין באַמי, זיין לעבן און אַרום צו דערציילן, פונקט ווי עס דאַנקט אים דער לייענער, ווס וועט זיך פרייען צו דערקענען אָדער דערמאָנען אַ שטיק יידישע קולטור־יבשה.

און צום סוף אַ באַמערק: דער מחבר דערציילט, אין ערשטן קאַפּיטל פון בוך, וועגן זיין אָפּשטאַם, און רעדט, אַ קאַפּ איראָניש, וועגן זיינס אַ זיידן, וואָס פלעגט שבת צו רעדן לשון קודש, און האָט זיך, אויף דער עלטער, געלאָזט, מיט פערד

און וואָגן קיין ארץ־ישראל און איז קוים דערפאָרן אין מיין געבוירן־שטאָט, בראָד. דוכט זיך מיר, אַז דאָס אייניקל האָט געמעגט מוותר זיין אויף דער איראָניע, עס איז דאָך פאָרט מעגלעך, אַז אין זכות פון דעם און אַנדערע ייִדעס, זענען מיר געפאָרן און דערפאָרן אַהער; און וואָס שייך דעם מחבר, איז פאָרט מעגלעך, אַז יענער ייִדע האָט עס גורם געווען, וואָס דאָס שייכות פון אייניקל צו אונדזער לאַנד איז באַשיינפּערלעך ראַשית כאחרית.

ירושלים, סיון תשל״ג